בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | וירא | י' חשון | תשע"ב | פסחים: ק"ו.

# באריכט:

נעכטן אווענט איז בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א פאהרגעקומען דער ווארט-תנאים פון המחותנים מוה"ר יושע טעללער הי"ו מנהל התאחדות אברכים קרית יואל – אבי החתן און מוה"ר טובי' הויער הי"ו פון קרית יואל – אבי הכלה ווי דער רבי שליט"א האט געליינט דעם תנאים.

שפעטער ביינאכט איז פאהרגעקומען דער שמחת קישור החיתון בחצרות קדשינו אין שטוב פונעם אבי הכלה הגה"צ ר' הענין שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד אבני צדק בראשות מרן רבינו שליט"א דער זיידע פון די כלה.

❧•❦

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – סניף דברי יואל. פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' פנחס ווייס הי"ו פון וויליאמסבורג ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל, און דערנאך דער ברית לבן הנולד לר' יודא אשר ברד"ז ראטה הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען זענען די תלמידי הישיבה שיחיו אדורכגעגאנגען וואנטשן מזל טוב פאר'ן רבי'ן שליט"א לרגל די שמחת קישור החיתון בחצרות קדשינו למזל טוב.

❧•❦

אום 1:15 נאכמיטאג איז מרן רבינו שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל צום דרשת פתיחת הזמן פאר די תלמידי הישיבה הגדולה קרית יואל פון אלע סניפים פון וועלכען די תוכן דברות קודש וועט בעזהשי"ת נאכפאלגן.

❧•❦

*בשעה טובה - וויטערדיגע פאזע אין די בוי דארבייט:*

## יציקת הבורות אנגעהויבן אין בנין פון מקוה טהרה החדש אין וויליאמסבורג

היינט אינדערפרי האט מען בשעה טובה אנגעהויבן די וויטערדיגע פאזע פון די עפטיגע בוי ארבייט ביים בנין מקוה טהרה החדש אין וויליאמסבורג ווען מען האט געגאסן די ערשטע צוויי פון די אכט בורות המקוה במעמד רבני ודייני קהלתינו שליט"א און גדולי הרבנים מומחים שליט"א בעניני מקוואות.

***-השלם זה הבנין-***

❧•❦

# ווייכטיגע בקשה צו אנשי שלומינו תושבי קרית יואל

אי"ה מארגן דינסטאג קומען פאר די גאר וויכטיגע "נאוועמבער וואלן", וואו עס לויפן די קאנדידאטן אויף די לאקאלע טאון פאזיציעס, ווי אויך עטליכע ריכטער פאזיציעס.

קרית יואל נויטיגט זיך אין זייער הילף א גאנץ יאר, יעצט איינמאל א יאר קומען זיי צו אונז מיט א בקשה, מיר זאלן זיך צוזאמנעמען מיט א פאראייניגונג, און ארויסגיין שטימען.

געדענקט! קרית יואל האט אין די אלע יארן ביז היינט געקענט אויפטוהן גדולות ונצורות נאר אדאנק דעם פאראייניגטן "בלאק וואוט". מיט'ן פארשטערקערן דעם קרית יואל בלאק וואוט, האט איר א חלק אין די אלע פעולות לטובה וואס ווערן געטוהן א גאנץ יאר לטובת אחינו בני ישראל בכלל, און פאר קרית יואל בפרט, יעדע איינציגע שטימע איז וויכטיג!

די וואלן וועלן פארקומען אין די זאלן פון קרן ויואל משה, פון 6:00 אינדערפרי ביז 9:00 ביינאכט. עס איז צוגעשטעלט געווארן טראנספארטעישאן, און אויך איז צוגעשטעלט געווארן בעיביסיטינג אויפן פלאץ. די "אנ"ש סעמפל בעלאטס" געפונען זיך יעצט אין אלע אונזערע בתי מדרשים.

מאכט זיכער ארויסצוקומען שטימען מארגן אין די ערשטע מעגליכקייט אינדערפרי, תיכף נאך שחרית, אין די פארגאנגענע יארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז ביי די וואלן ווי דער עולם איז ארויסגעקומען אינדערפרי איז געווען א שטארקע סוקסעס בעזרת ה'.

***-ובשם ה' נעשה ונצליח-***

---

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.